הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט
ספה"ק **מאור עינים** (חוקת)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | ערב יום הקדוש |
| שני | יום הקדוש |
| שלישי | זאת התורה אדם כי ימות |
| רביעי | וכל עבודת ה' הכל |
| חמישי | ואף אם רואה בחבירו עד ד"ה ואומות העולם |

צו באקומען אינדערהיים דעם חודש'ליכן קונטרס ערשטע חודש האלב פרייז, רופט 848-243-1624

אין אידיש

גליון שבועי לעילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

האזינו - יום כיפור תשפ"ז / גליון קצ"ח

**מערכת "קול דודי"**
א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן
אין אמעריקע
605.313.6695
אין ענגלאנד
033.0551.7811
אין ארץ ישראל
03.5.100.200
בין כסא לעשור:
**שטארקע שמועסן אויף תשובה**
**מפי חשובי המשפיעים**
אין 'קול דודי' היכל המרכזי נומער 1

## חסיד'יש גערעדט

## א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# א כאזוך אין 'עולם הבא'

### מיר זענען נאכנישט רייף צו איבערלאזן דעם גוף און שוועבן אין די הימלען! דערפאר דארפן מיר עסן ערב יום כיפור חלה און פיש און דוקא די דאזיגע סעודות באהעפטן אונז צו די דאזיגע דערהויבענע שמחה פון יום כיפור

שמערל דרייט זיך ארום מיט אן איינגעהאלטענע התרגשות בשעת ווען ער פאָרעט זיך מיט די פיבערהאפטיגע הכנות צום גרויסארטיגן 'יום שכולו תורה'. ער צוזאמען מיטן גאנצן שטאב פון עסקנים זענען איינגעשפאנט און געבן זיך אפ מיט יעדן איינציגסטן דעטאל. זיי גרייטן אן דעם זאל, די טישן, בענקלעך, די עירקאנדישאן, די ספרים וועלכע וועלן געלערנט ווערן, און אלץ וואס אידן דארפן האבן כדי זיך גענצליך אפצורייסן פון דער טומל פון דער וועלט און איינזינקען פאר שעות אויף שעות אין די הייליגע תורה.

ווי ערשטוינט איז שמערל געווארן אנקומענדיג צום זאל. ספאנטאן האט ער זיך געהערט שרייען: "וואס איז דאס?". פארנט פון זיינע אויגן האט זיך אנטפלעקט שאכטלעך פון מזונות און פרוכט, פארשידנארטיגע סאדעס און זיסע געטראנקען, הייסע קאווע און טיי, און אלץ גוטס... "וואס האט דאס צוטון מיט א 'יום שכולו תורה'?! פארקערט, דאס איז דאך ממש דער גרעסטער קאנטראסט? אויב וויל מען אז מענטשן זאלן זיך אפרייסן און דערהייבן צו א וועלט פון 'דביקות' אינעם 'נותן התורה' - וואס דאס איז דאך טאקע דער גאנצער געדאנק פון א 'יום שכולו תורה' - פארוואס ברענגט מען דאס אראפ מיט ראגעלעך און קאלא סאדע?".

## א טאג פון א פריילכע 'ביטול'

דער פסוק זאגט: "ועניתם את נפשותיכם בתשעה לחודש בערב". און חז"ל לערנען ארויס פון דעם צוויי ענינים: **א.** "האוכל ושותה בתשיעי מעלה עליו הכתוב כאילו התענה תשיעי ועשירי" - דער וואס עסט ערב יום כיפור, איז גערעכנט כאילו מען פאסט דיביידע טעג. **ב.** יום כיפור דארף מען צולייגן און 'מוסיף' זיין 'מחול על הקודש'.

איז דער 'שפת אמת' (תרמ"א) מסביר, אז די ביידע ענינים זענען פארבונדן איינס מיטן אנדערן: דורכן עסן ערב יום כיפור איז מען 'מוסיף' און מען ברענגט אראפ די קדושה פון יום כיפור - שוין ערב יום כיפור.

און אזוי שרייבט ער מיט זיין הייליג לשון: "**וְהָעִנְיָן הוּא כִּי יוֹם הַכִּפּוּרִים הוּא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא שֶׁאֵין בּוֹ אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה, וְהוּא בֶּאֱמֶת יוֹם שִׂמְחָה מְאוֹד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל. אַךְ שֶׁאֵין יְכוֹלִין לְהִתְדַּבֵּק בְּשִׂמְחָה זֹאת כָּרָאוּי בְּעוֹדֵנוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה, וּצְרִיכִין לְהִתְדַּבֵּק בְּהֶאָרַת הַיּוֹם כִּפּוּר לְפָנָיו וּלְאַחֲרָיו בְּתוֹסְפוֹת מֵחוֹל עַל הַקֹּדֶשׁ. וּבְשִׂמְחַת הַתְּשִׁיעִי יְכוֹלִין לְהִתְדַּבֵּק בְּהֶאָרַת יוֹם כִּפּוּר אַחַר כָּךְ, וּכְמוֹ שֶׁכָּתַב הָרַבֵּנוּ יוֹנָה זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּטַעַם הַסְּעוּדָה, שֶׁאֵין יְכוֹלִין לִשְׂמֹחַ בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים, מַקְדִּימִין הַשִּׂמְחָה, עַיֵּן שָׁם וְהוּא כַּנִּזְכָּר לְעֵיל**".

יום כיפור ווערן מיר דערהויבן צו א געוואלדיגע און דערהויבענע דביקות אין אויבערשטן - וואס דאס ברענגט מיט זיך א געוואלדיגע און שלימות'דיגע שמחה. דער פראבלעם איז נאר, אז דוקא צוליב די דערהויבנקייט פון דעם דאזיגן 'דביקות' איז זייער שווער פאר אזעלכע פארגרעבטע מענטשן זיך צו באהעפטן דערצו און זיך פרייען דערמיט. מיר זענען געוואוינט זיך צו פרייען ביי חתונות פון פלייש און פיש, ברייטע סעודות מיט מוזיק - וואו דער גוף איז דארט דער הויפט מחותן! מיר פארשטייען נישט אז עס איז פארהאן נאך אסאך א גרעסערע שמחה - וועלכע באשטייט נישט פון קיין חלה און פיש...

אט דער מציאות שאפט א צוריסנקייט. פון איין זייט, דארפן מיר אנקומען צו א מצב פון 'עולם הבא'. א דערהויבנקייט און א גענצליכע דביקות אינעם אויבערשטן - וועלכע מישט זיך נישט אויס מיט קיין שום אנדערע סארט שמחה און גופניות'דיגע הנאה. פון צווייטן זייט, ביז דערווייל געפונען מיר זיך אין א גוף! וואס זאלן מיר טון? אז מיר זענען נאכנישט רייף צו איבערלאזן דעם גוף און שוועבן אין די הימלען! און דערפאר דארפן מיר עסן ערב יום כיפור און מוצאי יום כיפור א סעודה פון חלה און פיש - וועלכע איז טאקע אויסגעמישט מיט א גשמיות'דיגע הנאה, און דוקא די דאזיגע סעודות באהעפטן אונז צו די דאזיגע דערהויבענע שמחה פון יום כיפור.

**דער 'שפת אמת' גייט נאך ווייטער:** פארוואס טאקע איז די דאזיגע שמחה פון יום כיפור אזוי ווייט פון אונז - אז מען מוז זיך צוגרייטן דערצו פון ערב יום כיפור. "**כִּי יוֹם הַכִּפּוּרִים הוּא הַבִּטּוּל אֵלָיו יִתְבָּרַךְ לְגַמְרֵי. כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה 'מִקְוֵה יִשְׂרָאֵל ה' מַה מִקְוֶה מְטַהֵר כָּךְ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְטַהֵר אֶת יִשְׂרָאֵל', וּמִנָּהּ מַה טָהֳרַת הַמִּקְוֶה כְּשֶׁנִּכְנַס כָּל קוֹמָה שֶׁל הָאָדָם בַּמַּיִם, כֵּן צָרִיךְ כָּל הָאָדָם לְהִתְבַּטֵּל אֵלָיו יִתְבָּרַךְ. וּכְשֶׁזּוֹכֶה הָאָדָם אַחַר פְּטִירָתוֹ לָזֶה, מִתְטַהֵר עַל יְדֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּמִקְוֶה, וּמֵעֵין זֶה יֵשׁ בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים כַּנִּזְכָּר לְעֵיל**". יום כיפור איז א טאג וואס דער גאנצער מענטש מיט זיין גאנצן געשטעל - גייט אריין אין א פלאץ וואס רופט זיך 'מקוה השם', וואס דארט ווערט ער ממש נכלל אינעם אויבערשטן! און געווענליך איז דער מענטש נישט זוכה צו אזא סארט 'ביטול' אויף דער וועלט, נאר בלויז אויף יענער וועלט נאך זיין 'הסתלקות'. אבער יעדעס יאר יום כיפור איז א מענטש זוכה צו אן אפשיין און דוגמא פון אט דעם געוואלדיגן אור.

**אמת'דיג גערעדט:** מיר קומען דאך פון דארט! מיר זענען דאך געווארן אויסגעהאקט פון אונטערן כסא הכבוד - וואו דער דאזיגער מורא'דיגער ביטול איז א נאטורליכע מצב! נו, פארוואס איז אונז אזוי שווער אנצוקומען צום יום כיפור'דיגן מצב?! דער תירוץ איז: אין הכי נמי, פאר אונזער נשמה איז עס בכלל נישט שווער! אבער אונזער 'גוף' - וועלכער לעבט אויף דעם גשמיות'דיגן וועלט - קען זיך נישט אזוי שנעל צובינדן צו אזא 'ביטול', נאר ער מוז האבן א 'הכנה' דערצו לויט זיינע גשמיות'דיגע באגריפן - כדי צו קענען מיטגיין מיט דער נשמה און מיטלעבן דעם ריכטיגן 'דביקות' און 'ביטול'! און דערנאך דארף ער אויך עסן א 'סעודת מוצאי יום כיפור' - כדי אראפצוברענגען דעם הויכן אור צו זיין פשוט'ע לעבן.

## דער עיקר איז דער 'אמת' - מען נאַרט זיך נישט

דער חידוש וואס ליגט דא אין דעם דאזיגן יסוד פון שפת אמת איז, אז דאס נעמט צוזאם ביידע עקן. פון איין זייט זאגט דא דער 'שפת אמת', אז יום כיפור איז אזוי הויך און אפגעשיידט, אזוי הויך און הויך. פון צווייטן זייט: אט דער הויכער ביטול האט דייקא שייכות מיט א געשמאקע סעודה. וויאזוי שטעלט מען צוזאם אזעלכע צוויי פארקערטע זייטן? מיט די מדה פון 'אמת': דורכדעם וואס מיר ווייסן דעם אמת, אז בלויז א דערהויבענע דביקות ברענגט אן עכטע פרייליכקייט אין הארץ. פון צווייטן זייט, ווייסן מיר אויך דעם אמת וואו מיר שטייען! מיר נארן זיך נישט אז מיר זענען שוין אויסגעטון פונעם גשמיות! מיר ווערן נאך נתפעל פון א גוטן מאכל! נאר מיר ווייסן אויך, אז מען בלייבט נישט שטעקן דארט, נאר דאס איז בלויז די 'התחלה' - כדי אנצוקומען צום טיפערן באדייט פון דעם טאג, וואס דארט איז מען דערהויבן העכער פון עסן און טרינקען.

> **פון איין זייט יום כיפור איז אזוי הויך און הויך און אפגעשיידט. פון צווייטן זייט: אט דער הויכער ביטול האט דייקא שייכות מיט א געשמאקע סעודה**

**למעשה, גייען מיר ארויס פון דעם שטיקל 'שפת אמת' מיט דריי יסודות:**

**ערשטנס:** יום כיפור איז א טאג פון 'ביטול' און 'דביקות'! א טאג פון 'עולם הבא'! א טאג וואס מענטשן וואס לעבן אויף דער וועלט קענען זיך קוים אנכאפן אין אזא הייליגן טאג. דער אויבערשטער אנטפלעקט זיך אויף א דערהויבענעם אופן וואס דארט איז נישטא קיין שום גשמיות'דיגע מציאות.

המשך אין עמוד ב

# שוואכקייט פון פאסטן

## איך ווער זייער שוואך פונעם תענית און איך בין פשוט נישט מצליח צו אינזין האבן קיין שום זאך; קען איך אויך האבן א שייכות מיט יום כיפור?

## שאלה:

איך בין בטבע א זייער שוואכער מענטש, אזוי אז ביי א תענית – איבערהויפט יום הקדוש ווען מען פאסט נאך לענגער – בין איך פשוט אן קיין כח. מיין קאפ זעצט פון ווייטאג, און עס שטעלט זיך ארויס אז שוין אינמיטן טאג פארבלייבט מיר נישט קיין קאפ און הארץ פארן עבודת היום. שוין אפגערעדט שפעטער אין טאג, ווען איך בין נישט מצליח צו אינזין האבן אפילו איין ווארט פון גרויס שוואכקייט. כ'האב שוין מערערע מאל געהערט אז די עיקר עבודה איז די עצם פאסטן, אבער למעשה שפיר איך זיך ווי א נאר אין מארק. ווי גלייך יום כיפור איז געגעבן געווארן פאר שטערקערע מענטשן... און יעדעס יאר פרעג איך פונדאסניי: וויאזוי קען איך זיך מתחבר זיין צו יום הקדוש?

## תשובה:

**די ענטפער אין קורצן איז, אז אייגנטליך פאדערט זיך נישט קיין ספעציעלע כוונות אדער מחשבות פאר די עבודה פון יום הקדוש. מ'קען עס טון אויך ווען מ'איז שטארק אפגעשוואכט, פארקערט גאר; צומאל איז דווקא די שוואכקייט א סיבה פארוואס מ'זאל זיך קענען בעסער מתחבר דערצו.**

**אבער כדי דאס צו ריכטיג מסביר זיין, וועלן מיר דארפן אביסל אריינגיין אין מהות פון יום הקדוש, און ערשט דערנאך וועט מען קענען ריכטיג פארשטיין די פשוט'ע ענטפער, בעז"ה.**

## מ'ווערט צוריק די אמת'ע אייגענע מציאות

**וואס איז 'יום הקדוש'?**

ס'איז א טאג ווען ס'ווערט נתגלה די מציאות ה' - אזויווי ס'איז! א גאנץ יאר זענען דא פארשידענע הסתרות, אבער יום כיפור ווערט נתגלה דער ריינער אמת, די איינציגסטע, אמת'ע מציאות, די מציאות אז דער אויבערשטער איז דער א-ל יחיד ומיוחד. און ווי נאר דאס ווערט נתגלה, טוען אלע הסתרות אויטאמאטיש אוועקפאלן.

ווער זעט און שפירט דעם גילוי? די נשמה, זייענדיג א חלק אלוק ממעל. אין אמת'ן וואלט די נשמה שטענדיג געדארפט שפירן דעם מציאות ה', וויבאלד זי איז א חלק פון דעם מציאות. אבער במשכ'ן יאר, ווערט די נשמה ארומגעוויקלט מיט א גוף און א רייע פארגרעבטקייטן, אזוי אז ס'ווערט געשאפן א מצב ווי א איד קען מיינען אז ער איז א קליינע, אייגענע מציאות פאר זיך. אבער ווען ס'קומט יום כיפור, נעמט דער אויבערשטער אוועק די הסתרות און ער איז זיך מגלה, א דאנק וואס די נשמה הייבט גלייך אן צו שפירן אז זי נישט קיין אייגענע מציאות, נאר א חלק פון מציאות ה'. זי דערהערט אז אלע הצלחות וואס זי האט געוואלט במשכ'ן יאר, בגשמיות און ברוחניות, האבן גארנישט מיט איר. אויך די עבירות צו וואס זי איז געווארן צוגעצויגן, האבן גארנישט מיט איר, וויבאלד זי איז א חלק פון מציאות ה', איר גאנצע לעבן און רצון איז נאר זיך צו מתדבק זיין מיטן אויבערשטן און "באלעבן" זיין מציאות, און חלילה נישט לעבן קיין אלס א מציאות נפרדת.

וויאזוי קומט א איד בכלל אן צו מצב פון 'חטא'? ווייל ער לעבט זיך ווי אן אייגענע מציאות. ווען ער וואלט געלעבט אלס א חלק פון מציאות ה', וואלט ער דאך נאר געטון דעם רצון ה' - ווייל דאס איז **זיין** רצון. יעדע חטא איז אייגנטליך פירוד און הסתר, ווי ס'שטייט "עוונותיכם היו מבדילים ביניכם לבין אלקיכם וחטאותיכם הסתירו פנים מכם". אבער אום יום כיפור ווען ס'ווערט בטל אלע הסתרות, אלע פירודים, און דער איד איז מגלה אז אלעס איז מציאות ה' און אז ער געהערט נאר דערצו - טוען אלע עבירות אויטאמאטיש פארלירן זייער מציאות.

אזויווי צדיקים האבן געטייטשט: "לפני ה' - תטהרו". ווען א איד שטייט פארן אויבערשטן, היות יום כיפור ווערט אים נתגלה דעם אור ה' און די חיבור וואס ער האט דערצו מיט די גרעסטע קלארקייט, פון דעם אליינס ווערט ער אפגערייניגט פון אלע עבירות און אלע כוחות הרע ווערן נתבטל. ווייל ס'שטעלט זיך ארויס אז אלעס איז מציאות ה', און ווי ס'איז נישטא קיין מציאות פון 'פירוד'.

וואס איז די 'נשמה'?

מ'דארף כאפן, אז די אויבנדערמאנטע גילוי פון אור ה' צו וואס די נשמה איז זוכה אום יום כיפור, ווערט נתגלה דווקא צו די **'עצם הנשמה'**, און ערשט דערנאך דערגרייכט עס אויך די **'כוחות הנשמה'**, אזויווי ס'וועט גלייך ווערן אויסגעשמועסט.

**אבער צוערשט לאמיר פארשטיין: וואס איז די חילוק צווישן 'עצם', און 'כוחות'?**

**מבשרי אחזה אלוק:** א מענטש קען פארשטיין, ווערן איבערגענומען, נתפעל ווערן, האבן כשרונות גרייט, מצליח זיין, אבער דאס איז נישט ער אליינס. ער - פארשטייט, ער - שפירט, ער - ווערט נתפעל, ער - האט כשרונות אלעס איז 'כוחות הנפש'. אבער וואס איז די 'נפש' **אליינס**? איר עצם עקזיסטענץ. דאס אז זי לעבט - דאס איז **איר אליינס**. ס'איז דארט נישטא קיין כשרונות, געפילן אדער הצלחות, ס'איז דארט נאר דא בלויז 'לעבן' און 'אייגנטליכע עקזיסטענץ'. אט די 'עצם' זעט זיך נאר אן אין איר ווילן צו 'לעבן'.

און דא קומט אריין א ריזיגע חילוק צווישן 'עצם' און 'כוחות': **'עצם' טוישט זיך קיינמאל נישט**, ס'בלייבט שטענדיג וואס ס'איז, דאקעגן 'כוחות' האלטן זיך אין איין טוישן. ווען א קינד ווערט געבוירן האט ער נאכנישט קיין שכל אדער געפילן, ער ענטוויקלט עס שפעטער וויבאלד כוחות הנפש קענען זיך אלץ טוישן. אבער 'לעבן' אליינס - דאס האט ער שוין ביים ערשטן אטעם. און אפילו אין די שווערסטע יסורים, לעבט ער! מ'דארף אויפכאפן אז אין די עצם 'לעבן' איז נישטא מער אדער ווייניגער. מ'האט נאך קיינמאל נישט געהערט אז א מענטש לעבט נאר פופציג פראצענט... ס'איז דא טויטע אדער לעבעדיגע, נישט קיין האלב טויטע. ווייל ווען ס'קומט צו 'עצם', איז נישטא און ס'קען נישט זיין קיין טוישונגען. ווי נאר מ'זעט שינויים אויף סיי וואס, ווייסט מען אז ס'איז נישט קיין חלק פון 'עצם'.

**פונעם משל צום נמשל: ווער איז די נשמה 'אליינס', איז ווער איז נאר אירע 'כוחות'?**

די נשמה אליינס איז איר עצם זיין א חלק אלוק ממעל ממש! איר עצם חיבור מיטן אויבערשטן. די עצם עקזיסטענץ פון א מציאות וואס איז פול מיט אור ה'. ווי געזאגט, 'עצם' זעט זיך נישט אן נאר אויף די אלגעמיינע רצון צו לעבן. טאקע דאס פאסירט ביי א נסיון פון עבודה זרה, ווי די נשמה שפירט ווי מ'רייסט איר אוועק פון איר 'לעבן', וויבאלד איר גאנצע מציאות איז 'מציאות ה'' און אן דעם אויבערשטן האט זי נישט קיין מציאות. ערשט דעמאלטס שווימט ארויף די 'עצם', אין פארעם פון א לעבנ'ס ווילן וואס טרייבט איר אויסצוגיין על קידוש ה', ווייל נאר אזוי "בלייבט זי לעבן" - א לעבן פון חיות אלקית (זעה ווייטער אז 'עצם' זעט זיך אויך אן ביי 'אמונה').

געוויס האט די נשמה 'כוחות' - דאס מיינט מען די כוחות השכל ווי זי קען זיך מתעמק זיין אין תורה און חכמה אלקית, אזוי אויך כוחות פון 'געפילן' פון אהבה און יראה, און אזוי ווייטער. אבער דאס אלעס זענען נישט די 'עצם הנשמה'.

## דער עיקר נעמט איבער דעם טפל

אצינד קומען מיר צוריק צו וואס מיר האבן אנגעהויבן, אז די עיקר גילוי פון יום הקדוש איז דווקא פאר די 'עצם' הנשמה, און פון דארט שפרייט זיך עס אויס צו די 'כוחות' הנשמה'.

ווי געזאגט, יום כיפור ווערט נתגלה אז ס'איז נישט געווען קיין שום פגמים, קיין שום עבירות, ווייל די נשמה איז אלץ אנגעקניפט מיט איר מקור - השי"ת, און ס'ווערט נתגלה אז ס'איז נישטא קיין אנדערע מציאות אויסער ה' יתברך. אלזא, וואו איז "יענע הייליגע מקום ווי ס'איז נישטא קיין פגמים"? די תירוץ: די 'עצם', ווי אויסגעשמועסט. ווען די 'עצם' ווערט נתגלה, שטעלט זיך ארויס אז א איד ווערט הייליג און ריין, ער איז איין שטיק אור אלקי. קיין שום פגם, אפגעזען ווי שרעקליך, קען נישט פוגם זיין אין אלקות, און דעריבער ווען מ'רעדט כלפי די 'עצם' הנשמה, האט דער מענטש קיינמאל נישט פוגם געווען. דארט איז ער אינגנצן ריין, און זיין גאנצע ווילן איז נאר צו לעבן מיטן אויבערשטן.

אוודאי ווען ס'קומט צו 'כוחות הנשמה', קענען ווערן געשאפן פארשידענע פגמים ח"ו. און דאן קומט די גילוי פון 'עצם הנשמה' און ס'קומט אויך איבער אלע כוחות הנשמה, וויבאלד ווען די 'עצם' טוט פולשטענדיג באלעבן דעם מציאות ה', טוט זיך דער מענטש פשוט שעמען פון אלע מעשים וואס גייען אזוי אין קעגנזאץ מיטן רצון ה', ער האט חרטה אויף אלע חטאים וואס האבן פוגם געווען זיינע כוחות הנשמה, און ער בעט זיך ביים אויבערשטן אז זאל רחמנות האבן אויף אים און מתקן זיין אט די אלע 'כוחות'. און געוויס, טוט דער דערבארעמדיגער באשעפער זיי אלע מתקן זיין.

אויף דעם איז מבואר אין ספרים הק' אז אום יום כיפור איז דא א גילוי פון 'אור הכתר', מיינענדיג א גילוי פון 'עצם'; די העכסטע, מערסט פנימיות'דיגע 'פינטל' פון די נשמה וואס ווערט נישט נפגם. און טאקע, מצד די גילוי פון 'כתר' און 'עצם' ווערט אויך נמשך א גילוי פאר אלע אנדערע חלקי הנשמה.

**אויב ווילן מיר צוזאמנעמען דעם יסוד אין אייניגע ווערטער, איז דא דריי שטאפלען:** א. יום כיפור ווערט דער אויבערשטער נתגלה און אלע הסתרות ווערן בטל. ב. אלס תוצאה דערפון ווערט אויך די 'עצם הנשמה' נתגלה און דער איד הייבט אן צו באלעבן זיין

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

**צווייטנס:** דער סארט 'ביטול' ברענגט א געוואלדיגע שמחה! יום כיפור איז א פרייליכער טאג! ווייל צו לעבן מיטן אויבערשטן איז די פרייליכסטע זאך אויף דער וועלט! אויף יענע וועלט - וואו מען איז 'איינס' מיטן אויבערשטן - דארף מען גארנישט טון כדי צו זיין פרייליך. פארקערט, אלע פעולות וואס מען טוט דא אויף דער וועלט כדי זיך פרייליך צו מאכן - איז בלויז א גאר קליינע אפשפיגלונג וועלכע שעפט חיות פון די דאזיגע געוואלדיגע שמחה.

**דריטנס:** אפילו אינעם העכסטן און דערהויבנסטן טאג - מוז מען אריינקומען דורכן גשמיות! ווייל דאס איז דער פלאץ אוואו מיר געפונען זיך, און מיר דארפן האבן שייכות מיט אונזער מציאות וואו מיר שטייען! בלויז דאס גיבט אונז די מעגליכקייט צו מאכן דערנאך דעם שפרונג - צו א העכערע יום כיפור'דיגע וועלט - אויף א גאר לייכטע און רואיגע פארנעם. ווען מיר גייען אריין אין דער שמחה פון 'דביקות' - מיט א הקדמה פון א שטיקל חלה און פיש, ווען בשעת מעשה געדענקען מיר אז מיר ווילן אנקומען צו א טאטאלע דביקות אינעם אויבערשטן אן קיין משהו 'גוף' אריינגעמישט - קומט אריין דערין אונזער גאנצער מציאות פון אויבן ביז אונטן - אן קיין צוריסנקייט צווישן דעם גוף און נשמה. און אויך שפעטער, נאכדעם וואס מיר קומען אן אהין - ברענגען מיר עס אראפ מיט דער סעודה פון 'מוצאי יום כיפור'. און אזוי איז דא א צוזאמענארבעט צווישן דעם גוף און נשמה.

אמת'ע מציאות - די מציאות ה'. ג. אט די 'עצם' לייכט אויך אויף די כוחות הנשמה, ווי נאר מ'פארשטייט ווי ווייט זיי זענען פון די אמת'ע מציאות, מ'האט חרטה און מ'בעט רחמים אז זיי זאלן ווערן מתוקן.

## ס'פאדערט זיך נישט קיין התבוננות צו לעבן 'זיך'...

נאכן דאס האבן אויסגעשמועסט, קען מען פארשטיין אז די עבודה פון יום הקדוש איז **צו באלעבן אט די פשוט'ע מציאות אז מיר זענען אידן!** פאר אלע אנדערע עבודות און כוונות, האבן מיר אונזער 'עצם' מציאות, וואס איז א מציאות אלקית. איך בין א איד, א חלק אלוק ממעל. ס'דארף נישט קיין הסבר און קיין שום זאך קען נישט מסביר זיין אן 'עצם עקזיסטענץ'. הסברים, ערקלערונגען און געפילן באלאנגען שוין פאר די 'כוחות' הנשמה. די 'עצם' הנשמה איז די אייגנטליכע פאקט אז איך לעב, איך בין א חלק פון מציאות ה'; די אייגנטליכע פאקט אז ס'איז דא מציאות ה'.

א מעשה שהיה: א מענטש האט זיך געטראפן אן קיין ספרים, אן קיין איד מיט וועמען אויסצוטוישן א ווארט פון אמונה, און אפילו אן קיין מעגליכקייט צו קענען טראכטן מחשבות פון תורה. וואס האט ער געטון? ער האט אנגעהויבן אריינצוטראכטן אין זיינע עצם 'קיום': ווער בין איך? א מציאות אלקית. דער אויבערשטער איז מיר מחיה, מהווה, ער איז מיר משפיע, כ'בין איינס מיטן אויבערשטן. השי"ת איז אלעס, אן אים איז גארנישט דא ער אז דער איינציגסטער אמת'ער מציאות, און איך בין א חלק פון אים. ער האט פשוט אנגעהויבן צו באלעבן דעם מציאות ה' מיט א פשוט'ע, ריינע אמונה.

אין אלגעמיין טוט זיך די 'עצם' ספעציעל ארויסברענגען מיטן כח פון 'אמונה'. פונקט ווי א מענטש שפירט און גלייבט אין זיינע אייגענע עקזיסטענץ און ער דארף נישט קיין 'כוחות הנפש' אים דאס אויפצואווייזן, אזוי אויך א איד שפירט און גלייבט אינעם מציאות ה', וויבאלד ס'איז א חלק פון אים, ער דארף נישט קיין הסברים דערפאר. ס'ציילגט אויף די 'עצם' פון די נשמה, וואס ווי נאר זי שפירט איר אייגענע קיום - שפירט זי דעם מציאות ה', און זי דארף גארנישט מער.

ס'הערט זיך ווי א טיפע זאך, אבער אין אמת'ן פאדערט זיך בכלל נישט קיין התבוננות דערפאר! ס'איז א פשוט'ע זאך, וואס קומט פון דיין אייגנטליכע מציאות. ווען ס'קומט יום הקדוש און ס'ווערט נתגלה דיין 'עצם', שפירסטו פשוט דיין מציאות אלקית. פארשטייסט אז ס'איז נישטא גארנישט אויסער מציאות ה'. קענסט עס באלעבן מיט די גרעסטע פשיטות - **פונקט ווי באלעבסט דיין אייגענע עקזיסטענץ מיט די גרעסטע פשיטות.**

די התבוננות האט א מורא'דיגע זיסקייט, מער ווי סיי וועלכע אנדערע מחשבה אדער עבודה. א זיסקייט פון גארנישט... פון די עצם זאך אז איך בין א איד און אז א איד לעבט מיטן אויבערשטן.

דאס איז די עצם גילוי פון 'יום הקדוש'.

## ס'איז מיר גוט, איך דארף פשוט נישט קיין עסן

**דאס איז די עומק פון די צום און עינויים פון יום הקדוש.**

ווען א איד דארף עסן צום לעבן, פעלט אים אין 'עצם'. די עצם, וואס איז 'לעבן' ווי געזאגט, אז אנגעוואנדן אין נאך א זאך א וואס נאר דורכ'ן עס עסן און הנאה האבן דערפון קען עס האבן א קיום. הייסט אז ער האט נישט קיין פולשטענדיגע 'עצם'. נאר ווען א איד קען אויסרופן: איך האב אלעס אין זיך, איך דארף גארנישט פונדרויסן, איך דארף נישט עסן, טרינקען אדער סיי וואס - לעבט ער ריכטיג די 'עצם הנשמה' וואס איז א חלק פון מציאות ה', און אויף דעם ארויף דארף ער גארנישט מער. ער איז אינגאנצן מושלם. (א משל דערפאר איז ווען א מענטש מאכט א שמחה, וואס דעמאלטס טוט ער לפי ערך שטארק באלעבן זיין 'עצם', אויף א פארנעם אז ער שפירט נישט קיין הונגער אדער דארשט, אד"ג).

ווי ס'ווערט געברענגט אין די קדמונים, אז יום כיפור באקומט מען חיות פון די עצם פאסטן, א בחינה פון "לחיותם ברעב", ווייל ווען מ'דארף נישט עסן, קומט די זעטיגקייט און חיות פון די 'עצם'. דער מענטש ווערט זאט און ער געניסט פון זיך אליינס - פון זיין עצם מציאות אלס א געטליכער איד.

ס'איז טאקע נישט קיין תענוג וואס מ'קען שפירן, דאקעגן תענוגים וואס זענען באזירט אויף "חסרונות וואס זענען געווארן ערפילט", ווי למשל א הונגער וואס איז געווארן געזעטיגט, א דארשט וואס איז געווארן דערקוויקט - קען מען שפירן. ווייל א 'תענוג עצמי' קען מען נישט שפירן, אבער ס'איז אסאך טיפער פון סיי וועלכע געפיל אדער התפעלות. איך האב כח, כ'האב נישט קיין כח, ס'איז מיר גוט מיט **מיר אליינס**, ווייל פון מיין עצם עקזיסטענץ בין איך מיטן אויבערשטן. ס'פעלט מיר גארנישט.

מ'קען אנמערקן אז די עבודת היום איז אוודאי אויפצולייכטן די 'עצם' אין די 'כוחות' הנשמה, אראפברענגען אט די מורא'דיגע פשיטות מיטן אויבערשטן אויך אין אייגענע התבוננות'ן און הרגשים, אבער דער עיקר עבודת היום - איז גילוי 'עצם'.

אויף דעם איז מבואר אין ספרים הק' דער לשון הגמרא "עיצומו של יום מכפר" - ווייל ס'איז א טאג פון גילוי ה'עצם'. די עצמיות פון א איד וואס איז דבוק מיטן עצמיות פון אויבערשטן. און ווי מבואר באריכות, ברענגט דאס כפרה, ווייל ווען א איד איז מגלה אז זיין גאנצע מציאות איז אלוקות און אז ער איז כל-כולו מקושר מיטן אויבערשטן, פארשטייט ער אויטאמאטיש אז עבירות זענען נישט 'זיין' מציאות און ער האט אמת'דיג חרטה אויף זיי. טאקע דערויף האט רבי עקיבא געזאגט: "לפני מי אתם מיטהרין ומי מטהר אתכם - אביכם שבשמים", די גילוי אז איר זענט קינדער פון אויבערשטן און מקושר מיט אים, דאס איז אייך מטהר.

זאלן מיר זוכה זיין צו אן עצם'דיגע יום כיפור!

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**'עד שיעיד עליו יודע תעלומות' א ייד האט אינעווייניג אין זיך הרהורי תשובה, וואס אפילו ער אליינס ווייסט נישט דערפון, נאר דער יודע תעלומות ווייסט אז ער האט תשובה געטון.**

הרה"ק ה'שפת אמת' זי"ע (שובה, תרל"ה)



# נפש - כי תחטא?!

טראגנדיג אזא פארביטערט הארץ, צווישן אייןליידן מיט די צווייטע, איז ער געווען איר איינציגסטע טרייסט.

ווען דאס לעצטע ביסל בייגל האט זיך אויסגעלאזט אדער ווען די איינציגסטע בענקל וואס זי האט פארמאגט האט זיך אונטערגעבראכן, פלעגט זי זיך דערמאנען פון איר יחזקאל'ען, פון זיין זיסע שטימע וואס האט זיך געהערט בשעת'ן לערנען דעם "תומים", און פון זיין אויסגערופענע יראת שמים. יעדעס מאל די וואונד פון איר אלמנות האט זיך געעפנט און אנגעהויבן בלוטיגן פונדאסניי, פלעגט זי לויפן צום חצר פון בית המדרש און צוגעלייגט איר אויער צו הערן ווי יחזקאל'ע גיסט אויס זיין הארץ דורכאויס זיינע הייסע תפילות צום אויבערשטן. איר גייסט האט זיך פשוט אויפגעלעבט, און דערנאך פלעגט זי צוריקגיין צו איר אלטע, האלב-איינגעפאלענע היים.

זי האט געוואוינט אין מעזריטש, אן ארעמע, דערשלאגענע אלמנה, וועמענ'ס מזל האט איר נישט געשיינט אין קיין שום הינזיכט, אויסער איין זאך: נחת. זי האט געהאט איין באליבטער זון, יחזקאל'ע, וואס האט איר אריינגעברענגט פרייד פון צופרי ביז ביינאכט. ער איז געלעגן אין לערנען, אין עבודת ה', און אלעם גוטן.

אויך ארעמע אלמנות קענען זוכה זיין צו די מצוה פון הכנסת אורחים, און נישט סתם אבי, נאר גאר א ספעציעל הייליגער אורח, אן אורח פאר וועמען יעדער וואלט געצאלט זיינע גאנצע פארמעגן אים צו קענען האלטן ביי זיך אין הויז. אזוי איז די אלמנה געווארן די בעלת אכסניא פונעם הייליגן 'בעל התניא' זי"ע.

דער בעל התניא, וואס האט דעמאלטס געוויילט בצל קדשו פון זיין רבי, דער הייליגער מגיד זי"ע, האט נישט געדארפט מער ווי אן אלט- צעפאלענע דירה. אין די אלמנה האט נישט געדארפט קיין סאך אפרוימען אין איר ליידיגע שטוב, כדי אים צו אהערשטעלן א בעט ווי ער זאל קענען אפרוען זיינע הייליגע גוף. געוויס האט די אלמנה אריינגעכאפט א זעלטענע זכיה.

איין טאג האט די אלמנה ענטפאנגען דעם בעל התניא מיט ביטערע, יאמערליכע בכיות און קולות. צווישן פארשטיקטע ווערטער האט דער יונגער צדיק באוויזן ארויסצוקוועטשן די שוידערליכע בשורה, אז א רוח שטות איז אריין אין איר טייערער יחזקאל'ע, ער איז אנטלאפן צו א תיפלה כדי זיך צו שמד'ן... ה' ישמרנו. נישט מער און נישט ווייניגער.

דער בעל התניא האט גלייך געמוטיגט די אלמנה: "גייט שנעל צום הייליגן מגיד, דערציילט אים די אומגליק וואס האט אייך באטראפן".

אינעם מגיד'ס הויז האט געהערשט א פחד און א ציטער, גרעניצלאזע צער און אן א שיעור פארביטערטקייט. דער הייליגער מגיד האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין בענקל ווי נאר ער האט געהערט די אלמנה'ס געשיכטע, ער האט אנגעהויבן צו גיין אהין און צוריק מיט טיפע מחשבות, בשעת ער האט נישט אויפגעהערט איבערצו'חזר'ן די ווערטער פון זוהר הקדוש אויפן פסוק "ונפש כי תחטא", וואס טייטשט דעם פסוק אלס א שאלה.

"ונפש", האט זיך דער מגיד געוואונדערט מיט אויסטערלישע ווייטאג, "כי תחטא?!"

די אלמנה האט זיך איינגעקורטשעט אין א ווינקל, וואו זי האט נישט אויפגעהערט צו וויינען און קלאגן. דער הייליגער מגיד האט אויסגעשריגן, אינגאנצן צוטרייסלט: "ונפש כי תחטא?!"

וויאזוי קען דאס זיין? א נפש - א חלק אלוק ממעל?! תחטא - זאל גיין אנטקעגן דעם אויבערשטן?!

נישט ווייט פונעם גרויסן מגיד'ס היים, האט יחזקאל'ס נשמה אנגעהויבן צו ברענען ווי א פייער, אפברענענדיג אלע שלעכטס וואס האט זיך אריינגעזעצט אין אים. אויפאמאל האט ער אנגעהויבן זיך צו שפירן ווי א טיפש. "קען דען זיין אז איך, יחזקאל, גייט אפלייקענען דעם איין איינציגן באשעפער?"

"איך מוז אנטלויפן פון דא! איך מוז אנטלויפן פון דא! איך מוז אנטלויפן פון דא!" די מחשבה האט אפגעהילכט אין זיין מח, ס'האט געדונערט. ער האט געזוכט א וועג ארויס; די טיר איז געווען אפן, און ער האט אריבערגעקלעטערט די הויכע מויער וואס איז געשטאנען דערונטער.

ער איז געשטאנען הויעך, אויבן אויפן ברייטן מויער, און ס'איז אים געווארן שווארץ פאר די אויגן. די וואנט'ס הויכקייט פונדרויסן האט אים דערציטערט, און אונטן האבן די שיפע שטיינער אראפגעפירט צום תהום. קיינער קען דא נישט ארויסקומען לעבעדיג...

חאצקל האט באשלאסן ביי זיך: איך שפרינג, זאל זיין וואס זאל זיין! אויב איך וועל בלייבן לעבן, וועל איך גראד צולויפן אין בית המדרש און תשובה טון אויף מיין שרעקליכע עבירה. און אויב איך וועל שטארבן, זאל מיין טויט זיין א כפרה פאר מיר. אזוי וועל איך זוכה זיין צו זיך מוסר נפש זיין פארן אויבערשטנ'ס וועגן.

ער האט זיך צוגעגרייט מיט א ציטער, "הנני מוכן ומזומן למות על קידוש ה'", און ער האט אויפגעהויבן איין פוס גרייט זיך אראפצושליידערן אין תהום אריין...

א מאכטפולע שטורעם-ווינט האט פלוצלינג אנגעהויבן צו בלאזן פון הינטער אים.

די אלמנה איז געזעצן איינגעבויגן איבער אירע 'תחינות'. א יארצייט-ליכט האט געפינקלט אין די פינסטערניש, ווארפנדיג שאטנס וואס האבן געענדלט צו די צורה פון איר פארשטארבענער מאן, ווי גלייך צו פארשטערקערן איר פיין. זי איז געווען עטוואס געשטארקט זעענדיג די חרדת קודש וואס האט אינגאנצן דורכגענומען דעם מגיד ווי נאר ער האט געהערט איר בשורה, אבער פארט האט זי נאך אלץ ארויסגעקוקט אויף א ישועה.

און פלוצלונג, א מעכטיגע זעץ האט זיך געהערט פונדרויסן.

די אלמנה איז דערציטערט געווארן. ארויס באטראכטן וואס ס'האט פאסירט.

באגעגענדיג איר צוריקגעפלוגענער זין וועלכער האט זיך אויפגעשטעלט און אריינגעפאלן אין אירע הענט, וויינענדיג מיט הייסע בכיות, "מאמע, כ'בין צוריקגעקומען".

• מהות פון יום הקדוש •

## אין 'חדר יחוד' מיטן אויבערשטן

דאס אז יום כיפור איז א זמן פון 'כפרת עוונות', איז באמת נאר איינס פון די ענינים פון יום כיפור. די אמת'ע 'מהות' און תכלית פון דעם הייליגן טאג, איז דאס אריינגיין אין קודש הקדשים. כאטש נאר דער כהן גדול איז בפועל אריינגעגאנגען אין קודש הקדשים, אבער די פנימיות'דיגע באדייט דערפון דארף זיך אויסשפילן אין יעדע אידיש הארץ. אין דעם טאג גייט יעדער איד אריין אינעם 'חדר היחוד' צווישן כלל ישראל און זייער טאטע אין הימל, דארט וואו די כרובים ברענגען ארויס די אהבה פון השי"ת צו אידישע קינדער, און דער אויבערשטער קוקט אויפן איד און דער איד קוקט צוריק אויפן אויבערשטן, מיט א ליבשאפט און קשר וואס איז נישט אנגעוואנדן אין קיין שום זאך.

**דאס איז דער עיקר עבודה פון יום כיפור: א איד זאל זיצן און זיך פשוט מתענג זיין ביים טראכטן פון אויבערשטן, איך בין נאנט צו דיר און דו ביסט נאנט צו מיר, איך האב דיר ליב און דו האסט מיר ליב, איך קוק אויף דיר און דו קוקסט אויף מיר. און פארוואס האסטו מיר ליב? קיין שום ספעציעלע סיבה, פשוט ווייל איך בין א חלק אלוק ממעל און מ'דארף נישט קיין אנדערע טעם אויסער דעם. און פארוואס האב איך דיר ליב? ממש צוליב די זעלבע סיבה.**

עס זענען דא אידן וואס זענען עוסק בתורה ומצוות כדי דאס זאל זיי דערנענטערן צום אויבערשטן. אבער ס'איז דא א צווייטער איד, וואס שפירט שוין ווי נאנט ער איז צום אויבערשטן און אויף דעם ארויף איז ער מקיים תורה ומצוות - פשוט כדי צו באלעבן אט די קשר. אייגנטליך איז דאס די דרגה וואס א איד דארף שטרעבן אנצוקומען, אזוי ווי דער הייליגער רבי שלמה קארלינער זי"ע האט געזאגט: "פאר א איד קען צוקומען צו די מדריגה פון שמחה של מצוה, דארף ער קענען שפירן א שמחה מיט דאס אליינס אז ער איז א איד". און טאקע דאס באקומט מען יום כיפור, ווען די טיפע אמת וואס ליגט אין די קשר צווישן א איד מיטן אויבערשטן שיינט ארויס מיטן פולסטן קראפט, אויף א פארנעם אז א גאנץ יאר און א גאנץ לעבן שעפט מען כוחות דערפון.

• תשובה •

## תשובה מיט א לידל

מ'קען בכלל נישט פארגלייכן די תשובה פון יום כיפור, צו די תשובה פון א גאנץ יאר. לאמיר נישט אריינגיין אין אלע חילוקים וואס ווערן געברענגט אין ספרים הקדושים צווישן די סארטן תשובה, אבער דער עיקר חילוק ליגט אין דאס וואס מיר זאגן: "על חטא שחטאנו לפניך". ווען א איד טוט תשובה יום כיפור, טוט ער עס מתוך א מצב פון "לפניך" - שטייענדיג ממש פארן אויבערשטן. ס'איז א טאג פון די סאמע העכסטע דרגה פון קירבה און קשר, די העכסטע דרגה ווי א איד קען שטיין פארן אויבערשטן, און נאר מכח דעם זיך שטעלן פארן אויבערשטן קען ער בעטן "טאטע, רייניג מיך אויס! דו זעסט דאך מיינע אלע מכשולות און מיינע אלע פלעקן; כ'בעט דיר, וואש עס אפ פון מיר. איך וויל זיין א גאנצע יאר נאר זיין דבוק אין דיר!"

ווען מיר זאגן "ונסלח" יום כיפור ביינאכט, זאגט מען עס מיט געזאנג, מ'זינגט א ספעציעלע נוסח דערפאר. די זעלבע איז מיט די "על חטא'ס", וואס מיר זאגן מיט א געוויסע לידל. די טעם דערפון איז, ווייל ס'איז פארהאן א סארט תשובה ווי דער זון טרעפט זיך אינדרויסן פונעם קעניג'ס פאלאץ, ער שטייט דארט מורא'דיג ווייט און ער בעט זיין טאטן ער זאל אים צוריק אריינלאזן. **אבער ביי אונז, געפינען מיר זיך שוין אייגנטליך אינעם קעניג'ס פאלאץ! ס'איז א טאג וועמען'ס גאנצע מהות איז קירבה און תענוג, פשוט פון גרויס קירבה הייבן מיר אן צו בעטן אויף טהרה און תשובה.** אזויווי צוויי נאנטע חברים צווישן וועמען ס'האט זיך געבויעט א שטארקע קשר, און ווי נאר איינער האט א הארץ אדער א טענה אויפן צווייטן, וועט ער עס האלטן ביי זיך דווקא ביז ס'וועט זיך אים מאכן א געלעגנהייט, ווען די ליבשאפט צווישן זיי ווערט נתגלה. דווקא דעמאלטס וועט ער אויפברענגען זיין טענה, זיך אנטשולדיגן און בעטן מחילה - אלעס מתוך א רצון צו וואס מער פארבעסערן זייער קשר און אפמעקן סיי וועלכע שפור וואס קען עס מעגליך פארשמוצן.

• עיצומו של יום מכפר •

## 'יחידה' – וואס מיינט דאס?

די ספעציעלע חידוש פון יום כיפור איז, אז "עיצומו של יום מכפר". די מחלוקת איז נאר אויב אין צוגאב דארף מען תשובה טון צי נישט, אבער דאס זענען אלע מודה אז די כח פון 'כפרה' ליגט אין דעם עצם טאג אליינס. וואס איז פשט דערפון? וואספארא כח האט "עיצומו של יום", ביז אז ס'קען מכפר זיין אויף אלע עבירות?

די נקודה ווערט אויסגעשמועסט אין ספרים הקדושים, און מ'קען עס זען בחוש; נעמליך, אז יעדער איד וויל באמת זיין נאנט צום אויבערשטן. און אפילו אויב ער וויל נאכנישט, וויל ער כאטש וועלן. אבער סתם אזוי איז נישטא קיין איד, אפילו דער ווייטסטער איד, וואס שפירט נישט טיף אין זיך אז האבן א קירבה צום אויבערשטן וואלט געווען די בעסטע זאך פאר אים. פון וואו נעמט זיך אזא געפיל?

ס'קומט פון דעם ווייל יעדער איד האט א מורא'דיג טיפע פלאץ ביי זיך אין נפש, וואס איז הונדערט פראצענט אנגעבונדן צום אויבערשטן, מיט א קשר וואס איז נישט אפהענגיג אין קיין שום תנאים אדער אומשטענדן. אויף דעם ארויף האט א איד שטענדיג א געוויסע אינערליכע געפיל אז די אמת'ע גליק - געפונט זיך ביים אויבערשטן, און ערשט ווען ער זיין נאנט מיט אים וועט אים זיין עכט גוט.

אין די ספרים הקדושים ווערט דאס איינגעטיילט אין פינף דרגות: נפש, רוח, נשמה, חיה, יחידה. די דרגות פון 'נפש רוח ונשמה' זענען די שטאפל אין וואס א איד קען לעבן דורכאויס די געווענליכע צייטן פון יאר. ס'איז א מצב ווי דער איד שטייט נאך אזוי ווי פונדרויסן, ער האט ליב דעם אויבערשטן און וויל זיך מתקרב זיין צו אים. און ווילאנג א איד שטייט ביי דעם שטאפל, איז ער געוויס אומשטאנד אפטמאל אראפצופאלן און פארגעסן די קשר וואס ער האט מיטן אויבערשטן. אבער טיפער אין א איד'ס נפש געפינט זיך די דרגה פון 'חיה' און 'יחידה', וואס זיי זענען די סאמע טיפסטע נקודה פון א איד, וואס דארט זענען מיר שטענדיג 'אינעווייניג', מיר זענען דארט א ממש חלק פונעם אויבערשטנ'ס מציאות, און אין דעם פלאץ איז פשוט נישט שייך פאר א איד צו באקומען א פגם און אראפפאלן דערפון. ס'איז אן אויסטערליש טיפע ארט אין אונזער נפש וואס ווערט נתגלה ביי אידן דווקא אין צייטן פון מסירות נפש, אזוי אז אפילו א קל שבקלים, אויב מ'וועט אים פארגעשלאגן זיך צו אינגאנצן אפרייסן פון אויבערשטן חלילה, וועט זיך אט די טיפע נקודה אויפפלאקערן אין אים און ער וועט זיך ענדערש אויסקליבן ארייננצוגיין אין פייער, ווי איידער לעבן אפגעריסן פון אויבערשטן.

**און דאס איז די אייגנארטיגע 'מהות' פון יום כיפור. ס'איז 'דער טאג' ווען אט די טיפע, אינערליכע ארט אנטפלעקט זיך ביי יעדן איד. צוליב דעם זענען דא פינף תפילות במשך יום כיפור, אנטקעגן די פינף מדריגות הנפש וואס ווערן אלע נתגלה אין דעם טאג. דעריבער איז "עיצומו של יום מכפר", ווייל אלע ירידות און עבירות זענען נאר שייך ווילאנג דער איד שטייט נאך 'אינדרויסן', אלס אן אייגענע מציאות, אבער ווי נאר ער איז 'אינעווייניג', אינגאנצן דבוק אין אויבערשטן - דארט קען קיין שום פגם אדער עבירה נישט האבן קיין אחיזה, און ער ווערט דארט אפגערייניגט פון אלעס.**

יעדער טאטע קען דאס פארשטיין, ווען ס'האנדלט זיך מיט זיינע אייגענע קינדער. יעדער מענטש האט טייל קינדער וואס זענען מער מצליח און אנדערע וואס זענען ווייניגער, און געווענליך וועט דער טאטע זען די מעלות פון זיינע קינדער און ס'וועט אוודאי פארנעמען א וויכטיגע פלאץ ביי אים. אבער שטעלט זיך פאר ווען איין טאג וואלט אן ארגאניזאציע צוגעקומען צום טאטן, און אים פארגעשלאגן אוועקצוגעבן איינס פון זיינע קינדער פאר משפחות וואס קענען נישט האבן קיין קינדער... די ערשטע רעאקציע פון יעדער טאטע וואלט געווען א היסטערישע "ניין! כ'וועל קיינמאל מוותר זיין אויף קיין איינס פון מיינע קינדער!" קיין שום טאטע וואלט אין אזא פאל נישט אנגעהויבן צו מאכן חשבונות, געוואנדן אין וויפיל זיינע קינדער זענען מצליח, אויב ס'לוינט אים זיי אוועקצוגעבן אדער נישט... די ענטפער וועט ארויסקומען נאטורליך פון א טיפע פלאץ אין נפש, ווי דער טאטע שפירט אז ער און זיין קינד זענען איין מציאות, און ווי נאר זיי זענען איין מציאות - מאכט מער נישט אויס אויב דאס קינד איז מצליח אדער נישט.

• די פינף עינויים •

## אונז דערמאנען ווער מיר זענען

אין ספרים הקדושים ווערט ערקלערט די פינף ענויים פון יום כיפור, ווייל אין דעם טאג זענען מיר אין א מצב ענליך צו וואס ס'זייט גיין לעתיד לבוא, וואו ס'וועט זיין "אין בו אכילה ולא שתיה אלא יושבים ומתענגים מזיו השכינה". אבער מ'קען פרעגן: למעשה, שפירן מיר דאך נישט יעצט קיין תענוגים פון 'לעתיד לבוא', אזוי ארום, ווען מיר עסן נישט און טרינקען נישט, ווערן מיר פשוט הונגעריג און דארשטיג און אויסגעמוטשעט...?

נאר מ'דארף כאפן די טיפערע באדייט: די פינף ענויים קומען אונז דערמאנען אונזער פנימיות'דיגע מהות, וואס איז געוויס די מהות פון 'לעתיד לבוא'. א מהות ווי מיר זענען העכער אפילו פון די מלאכים און זענען דבוק צום אויבערשטן מיט די גרעסטע מאס דביקות, אין אזוי אויך זייער ווייט פון סיי וועלכע שייכות צו עסן, טרינקען, אדער אנדערע גשמיות'דיגע זאכן.

דאס איז די 'פינטל' פון די ענויים: אז איינמאל א יאר זאלסטו זיך דערמאנען ווער מיר זענען באמת. אז באמת האבן מיר קיין שום שייכות צו די אלע נידריגע גשמיות'דיגע זאכן, און דאס וואס מיר זענען פארנומען דערמיט א גאנץ יאר איז נאר ווייל דער אויבערשטער האט גענומען אונזער געהויבענע 'מהות' - און כדי זיין רצון פון מאכן א דירה בתחתונים און אויפהייבן די גאנצע בריאה צו אים זאל ווערן אויסגעפירט - האט ער אונז איינגעשטעלט פארשידענע תאוות און רצונות גשמיים, וואס אין אמת'ן אריין האבן נישט קיין שייכות מיט אונזער מהות.

דאס איז די אנערקענונג וואס די אלע עינויים פון יום כיפור דארף אריינברענגען אין אונז, **אזוי אז אפילו ווען מיר וועלן האלטן נאכן תענית סוף טאג, וועלן מיר ווייטער געדענקען אז באמת זענען מיר אסאך העכער און מער דערהויבן פון די אלע דברים גשמיים, פשוט מיר געבן זיך אפ מיט די אלע זאכן נאר צוליב די 'שליחות אלקית' וואס ליגט דערין.** אט די הכרה איז די ספעציעלע ייחוד וואס ווערט גע'פועל'ט אום יום כיפור, און טאקע דאס איז די אמת'ע טהרה און כפרה צו וואס מיר ווילן צוקומען.


**אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות**

צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון רופט

אין מאנסי: **347.452.3118** וויליאמסבורג: **347.774.0850** קרית יואל: **917.538.7491** לעקוואוד: **845.274.4847**

אימעיל DD0722531385@gmail.com | **תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483**